**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 1/22/2022 **גאווערנאר קעטי האקול**

**גאווערנער האקול אנאנסירט פרעצעדענטלאזע אינוועסטירונגען צו ווידער-באהעפטן קאמיוניטיס לענגאויס ניו יארק סטעיט אלס טייל פון פארגעשלאגענע סטעיט קאפיטאל פלאן**

***פראיעקט אויף דעם קענסינגטאן עקספרעסוועי אין באפעלאו, אינער-לופ אין ראטשעסטער, I-81 אין סירעקיוס, ׳האַנטס פוינט עקסעס׳ פראיעקט, און קראס בראנקס עקספרעסוועי פארטרעטן איינמאל-א-דור געלעגנהייטן צו ווידער פאראייניגן קאמיוניטיס און פארריכטן עוולות פון דער פארגאנגענהייט***

***סטעיט דעפארטמענט פון טראנספארטאציע הויבט אן פעדעראל-פארלאנגטער פראצעס אויף קענסינגטאן עקספרעסוועי; וועט אפשאצן אלטערנאטיוון פאר אויפריכטן היסטארישע הומבאלדט פארקוועי און איבערקוקן אפציעס אויף צוריק באהעפטן געגנטער איבערגעריסן דורך דאס געבוי פון קענסינגטאן***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט אנאנסירט אז דער פארגעשלאגענער 32.8 ביליאן דאלערדיגע סטעיט קאפיטאל פלאן רעכנט אריין באלד 3 ביליאן דאלער פאר אינפראסטרוקטור פראיעקטן וועלכע הייבן יושר, באהעפטונג און מולטי-מאדאל טראנספארטאציע געלעגנהייטן פאר קאמיוניטיס איבער גאנץ ניו יארק סטעיט. די פרעצעדענטלאזע און געצילטע אינוועסטירונגען, ארויסגעהויבן דורך דער גאווערנער אין איר לעצטנסדיגע עקזעקיוטיוו בודזשעט רעדע, פארטרעט א געלעגנהייט פון איינמאל אין דור אויף צו פאראייניגן געגנטער, שטיצן עקאנאמישע וואוקס און אויפלעבן פילע פון ניו יארק׳ס וויכטיגסטע אינער-שטאטישע צענטערס.

די גאווערנער האט ארויסגעהויבן די אינוועסטירונגען אין באפעלאו היינט אינדערפרי ביי א צוזאמקונפט נעבן דער קענסינגטאן עקספרעסוועי, דאס געבוי פון וועלכע האט אוועקגענומען דער היסטארישער אלמסטעד-אויסטיליזירטער הומבאלדט פארקוועי און איבערגעריסן די ארומיגע געגנטער מיט דאס געבוי פון אן עקספרעסוועי אונטער׳ן ערד-פלאך הייער.

״צוריק באהעפטן געגנטער וואס זענען איבערגעריסן געווארן דורך אספאלט הייוועיס איז א גרונטשטיין פון אונזער דרייסטער אינפראסטרוקטור בליק פאר א בעסערע ניו יארק,״ **האט גאווערנער האקול געזאגט.** ״בעסערע אינפראסטרוקטור מיינט א בעסערע לעבנס-קוואליטעט, און די קאמיוניטיס ארום קענסינגטאן עקספרעסוועי אין באפעלאו און לענגאויס אונזער סטעיט קומט זיך גארנישט ווייניגער. די פראיעקטן וועלן העלפן פארריכטן די עוולות פון דער פארגאנגענהייט דורך מער זיכערע און פארלעסליכע טראנזיט נעטוואָרקס, לאנדשאפטן געאייגנט צו־פוסגייער און ביציקליסטן, און רוטס וועלכע זענען מער גינסטיג פאר פיסגייער און ביציקליסטן.״

אלס טייל פון דער היינטיגער אויסמעלדונג אין באפעלאו האט גאווערנער האקול אויך אנאנסירט אז דער סטעיט דעפארטמענט פון טראנספארטאציע וועט איינפירן אן ענווייראנמענטאלע איבערזיכט אפצושאצן אלטערנאטיוון פאר צוריק-באהעפטן און אויפריכטן די מזרח-מערב געגנטער אין דער שטאט באפעלאו

וואס זענען צוטיילט געווארן דורך די קאנסטרוקציע פון דער קענסינגטאן עקספרעסוועי איבער זעקס צענדליג יארן צוריק. דער פעדעראל-פארלאנגטער איבערזיכט וועט איבערקוקן די ענווייראנמענטאלע, קאמיוניטי, עקאנאמישע און אנדערע ווירקונגען פארבינדן מיט א גענצליכע אדער פולע דעקונג פון דער איצטיגער עקספרעסוועי, מיט׳ן ציל צו דערגרייכן א פרעפערירטע אלטערנאטיווע. דער סטעיט דעפארטמענט פון טראנספארטאציע וועט ארבעטן אגרעסיוו מיט דער פעדעראלער הייוועי אדמיניסטראציע צו פארגלעטיגן דעם ענווייראנמענטאלע איבערזיכט פראצעס. אלס טייל פון דער סטעיט׳ס אנטשלאסנקייט צו דורכזעדיגקייט און באשעפטיגן דער קאמיוניטי, וועט דער עפנטליכע סקאופינג פראצעס זיך אנהויבן דער פרילינג מיט אן אויבנאויפיגע סקאופינג באריכט צו ווערן פארענדיגט שפעטער דעם זומער.

געבויט אין משך פון די 1950׳ס און 1960׳ס האט דער קענסינגטאן עקספרעסוועי ערזעצט וואס איז געווען א פרעכטיגער בולעווארד מיט ביימער אויף די זייטן — די היסטארישע הומבאלדט פארקוועי אויסטיליזירט דורך פרעדעריק לאו אלמסטעד - מיט א הייוועי אונטער דער ערד-פלאך הייעך וואס האט אריבערגעריסן דער באהעפטונג צווישן די ארומיגע געגנטער. דער ארגינעלער בולעווארד האט באהאפטן הומבאלדט פארק (איצט מארטין לוטער קינג דזר. פארק) מיט דעלעווער פארק.

דער איבערזיכט, לאנג אוואנסירט דורך דער דעפארטמענט פון טראנספארטאציע, וועט אפשאצן געלעגנהייטן צו שאפן נייע אפענע פובליק ערטער, פארבעסערן ביציקל און פיסגייער זיכערהייט, און רעדוצירן איצטיגע שעדליכע ווירקונגען פון קולות און לופט פארפעסטונג. דער איבערזיכט וועט אויך אפשאצן פארבעסערונגען צו די ארטיגע שאסייען צו פארגרינגערן זיכערע אויטא אפעראציעס אינערהאלב ווידער-באהאפטענע געגנטער. פראיעקט גרעניצן רעכענען אריין דער מזרח גרעניץ פון איסט פערי סטריט און דער מערב גרעניץ פון בעסט סטריט. די עקספרעסוועי טראגט בערך 80,000 קאַרס א טאג.

דער סטעיט דעפארטמענט פון טראנספארטאציע איז אנטשלאסן צו ארבעטן אינאיינעם מיט דער שטאט באפעלאו, דער גרעיטער באפעלאו-ניאגארא ראיאנישע טראנספארטאציע קאונסיל און די דערנעבנדע קאמיוניטיס ביי יעדן וועדפונקט אזוי ווי דער וויכטיגער פראיעקט ווערט געפירט אויף פאראויס.

**סטעיט דעפארטמענט אוו טראנספארטעישן קאמישענער מארי טערעסע דאמינגעז האט געזאגט,** ״די קענסינגטאן עקספרעסוועי פראיעקט פארטרעט א היסטארישער געלעגנהייט צו פארבעסערן זיכערהייט און באוועגיקייט אין און ארום דער שטאט באפעלאו און, גאר וויכטיג, וועט צוריק-באהעפטן געגנטער וואס זענען איבערגעריסן געווארן אויף איבער א האלב יארהונדערט. דער דעפארטמענט פון טראנספארטאציע האט חשק פאר׳ן ענווייראנמענטאלן איבערזיכט פראצעס זיך צו לאזן אין גאנג און קוקט ארויס אויף צו ארבעטן אינאיינעם מיט דער קאמיוניטי און אלע אונזערע צוזאמענארבעטער צו ווייטער אנטוויקלען דעם פראיעקט צו העלפן צוריק-באהעפטן שכנים איינער צום אנדערן, אינערהאלב דער גרויסער שטאט באפעלאו און לענגאויס דעם גאנצן סטעיט ניו יארק.״

**ווידער-באהעפטן קאמיוניטיס דורך קלוגע אינפראסטרוקטור אינוועסטירונגען לענגאויס ניו יארק סטעיט:**

די הייוועי פארברייטערונגען פון דער תקופה נאך דער צווייטער וועלט קריג האט איבערגעריסן קאמיוניטיס פון קאליברטע אפשטאם לענגאויס דעם לאנד, וואס האט דורכגעריסן דער עצם מהות פון די געגנטער אויף אזעלכע אופנים וואס פארלאנגט נאך היינט פאררירכטונג. מענטשן האבן פארלוירן זייערע היימען און זייערע ביזנעסער; סאציעלע פארבינדונגען זענען ערזעצט געווארן מיט שנעל-פארנדע קאַרס און אויטא עמיסיעס. ניו יארק סטעיט איז נישט אפגעהיטן געווען פון דער שעדליכער צוגאנג, וועלכס האט אומפראפארציאנעל שווער באטראפן קאמיוניטיס מיט נידעריגע-איינקונפטן און פון מינאריטעטן, פון די

בראנקס ביים אונטערשטן טייל פון סטעיט ביז באפעלאו און סירעקיוס פון אויבערשטן טייל, און פילע ערטער אינצווישן.

גאווערנער האקול איז אנטשלאסן צו פארריכטן די שאדנס פון טראנספארטאציע גרייזן פון צענדליגע יארן צוריק. אנשטאט רוישיגע, פארפעסטנדע הייוועיס וועלן די פראיעקטן רעכענען צום ערשטן פיסגייער, ביציקליסטן, אקטיווע גאסן, און גרין-נאטור ערטער געאייגנט אויף צוניפבינדן קאמיוניטיס און קלענערע ביזנעסער. ניו יארק מוז ניצן איר אינפראסטרוקטור געלעגנהייטן פון היינט אויף אויפלעבן קאמיוניטיס איבערגעריסן דורך אינפראסטרוקטור באשלוסן פון דער פארגאנגענהייט. דער סטעיט׳ס קאפיטאל פלאן נעמט אריין באלד 3 ביליאן דאלער אין לויף פון די קומענדע פינף-יעריגע צייט אפשניט צו פארריכטן די עוולות, אריינגערעכנט:

**אויפלעבן די סאוט בראנקס דורך צוריקבויען דער ברוקנער-שערידען אינטערטשעינדזש ביי האָנטס פוינט —** דער פראיעקט, איצט אונטער קאנסטרוקציע דורך NYSDOT, וועט טראנספארמירן געגנטער אינ׳ם סאוט בראנקס דורך פאררעכטן די פלאנירונג גרייזן פון דער פארגאנגענהייט, באשיצן די געזונט, און פארבעסערן זיכערהייט. די קאנסטרוקציע פון דער נייער הייוועי אינטערטשעינדזש, ארויפגאנג, און אראפגאנג ראמפעס, אינאיינעם מיט דער רעהאביליטירונג פון דער ברוקנער וויאדוקט, וועט רעדוצירן קאמערציעלע טראָק טראפיק אין ארטיגע איינוואוינער געגנטער; פארבעסערן באוועגיקייט, אפעראציעס, און זיכערהייט; און העלפן לינדערן שוואכע לופט קוואליטעט אינ׳ם סאוט בראנקס, איינע פון די קאמיוניטיס מיט העכסטע ראטע פון אסטמא אין דעם לאנד. דער פראיעקט וועט אויך אינסטאלירן נייע אדער גע׳אפגרעיד׳עטע ׳אמעריקאנע מיט אומפעאיגקייטן אקט׳ (ADA) קורבס, מעדיאנען, סיידוואקס, פיסגייער אריבערגאנגען און טראפיק סיגנאל פארבעסערונגען; און בויען א נייע 1.5-מייליגע אינאיינעם׳דיגע-באניץ וועגל, צו באהעפטן צו דער 138׳סטע סטריט ביציקל וועגל וואס פירט צו ראנדאל׳ס איילענד, מאנהעטען, און בראנקס ריווער גרינוועי.

**איבערטוישן דער עקזיסטירנדער אינער-לופ שאסיי אויף א קאמיוניטי בולעווארד אין דער שטאט ראטשעסטער** - דער ׳אינער-לופ נאָרט׳ פראיעקט וועט פארענדיגן דאס אוועקפירן דער אינער-לופ פריוועי אין דער שטאט ראטשעסטער, בויענדיג אויף די ערפאלגרייכע פארענדיגונג פון דער אינער-לופ איסט פראיעקט אין 2017. דער נייער אינער-לופ נאָרט אויפהייבונג פראיעקט וועט פולקאם צוריק באהעפטן איבערגעריסענע קאמיוניטיס אין דאונטאון ראטשעסטער; גיבן דירעקטע פארבינדונג צו דער דזשענעסי טייך און די היי פאָלס דיסטריקט; באהעפטן און פארברייטערן אויף די אינוועסטירונגען פון דער ׳ראק דער ריווערוועי׳ פראגראם; שטיצן מערערע מיטלען פון באהעפטונג; שאפן נייע ערשטראנקיגע גרין-נאטור ערטער און פארמיטלען געלעגנהייטן פאר עקאנאמישע אנטוויקלונג, אריינגערעכנט נייע אריינפיל אנטוויקלונג.

**אנהויבן קאנסטרוקציע אויף דער I-81 קאמיוניטי גריד פראיעקט אין סירעקיוס** - דער אינטערסטעיט 81 פראיעקט געגנט סערווירט אלס א נויטיגע רייזע קארידאר פאר דער צענטראל ניו יארק ראיאן, איבערהויפט דער דאונטאון סירעקיוס געגנט. אוועקפירן די עקזיסטירנדע געהויבענע סטרוקטור און קאנסטרוקציע פון דער נייער קאמיוניטי גריד צייגט גאווערנער האקול׳ס אנטשלאסנקייט צו פארבעסערן יושר'דיגקייט און עקאנאמישע געלעגנהייט פאר געגנטער וועלכע זענען איבערגעלאזט געווארן פון הינטען דורך די קאנסטרוקציע פון דער אינטערסטעיט הייוועי סיסטעם. דער פראיעקט וועט אויך בויען נייע גרינספעיס און באזארגן אפגעהיטענע פיסגייער און ביציקל צוטריט פאר באניצער אין יעדן עלטער און פעאיגקייט אינערהאלב דעם הויפט דאונטאון געגנט.

**דעקן טיילן פון דער קראָס-בראנקס-עקספרעסוועי צוריקצובאהעפטן געגנטער און שאפן מער אפענע-לופט-ערטער** - דער קראָס-בראנקס-עקספרעסוועי האט צוטיילט קאמיוניטיס אין די בראנקס זינט איר געבוי אין 1948. אלס א הויפט קאמערציעלע טראנספארט קארידאר, ברענגט די עקספרעסוועי

175,000 טראָקס א טאג אריין אין דעם געגנט, און דאס שעדיגט לופט קוואליטעט פאר איבער 250,000 איינוואוינער אין דער דערנעבנדע שכינות. די לאנג-ערווארטעטע אונטערנעמונג צו בויען א פארק איבער׳ן קראס-בראנקס-עקספרעסוועי וועט צוריק באהעפטן קאמיוניטיס איבערגעריסן דורך דאס געבוי פון דעם וויאדוקט, שאפן נייע עפנטליכע ערטער, פארבעסערן ביציקל און פיסגייער אפגעהיטנקייט, פארבעסערן אפגעהיטנקייט איבער די ארטיגע גאסן, און רעדוצירן די שעדליכע תוצאות פון געדויש פארפעסטונג, לופט פארפעסטונג, און היץ פארפעסטונג. גאווערנער האקול איז פערזענליך אנטשלאסן צו ארבעטן אינאיינעם מיט דער שטאט ניו יארק צו שטודירן די אויספירליכקייט פון ארויפשטעלן טיילן פון דער עקספרעסוועי אויף מערערע שטאקן אויף צו דערגרייכן די צילן. די אקציע פארטרעט א וויכטיגער טריט אויף אוועקצונעמען פיזישע און עקאנאמישע צוימען פון איינוואוינער פון די בראנקס.

**סענאטאר טשאַק שומער האט געזאגט,** ״אין ניו יארק און לענגאויס דעם לאנד זענען הייוועיס ווי דער קראס בראנקס עקספרעסוועי, סירעקיוס׳ס I-81, באפעלאו׳ס קענסינגטאן און סקאדזשאקוואדא עקספרעסוועיס, און ראטשעסטער׳ס אינער-לופ צו אפט געבויט געווארן דורכצושניידן קאמיוניטיס פון קלענערע איינקונפטן און פון קאלירטע מינאריטעטן, און צוטיילן שטעט אויף צוויי, און דורכדעם איינצוימען אינוועסטירונג פאר די מערסט באדערפטיגע מענטשן, און אנמאכן חורבנות אויף קאמיוניטי געזונטהייט מיט קאנצענטרירטע לופט פארפעסטונגען פון די פארנדע אויטאס. אינפראסטרוקטור דארף אויפבויען קאמיוניטיס, נישט זיי צוטיילן. דאס איז די סיבה פארוואס איך האב עס געמאכט א פריאריטעט צו שאפן א נייע פעדעראלע ווידער-באהעפטן קאמיוניטיס פראגראם אלס טייל פון דער ביי־פארטיזען אינפראסטרוקטור און דזשאבס געזעץ וואס איך האב פארהאנדלט אויף צו באזארגן געווידמעטע געלטער פאר די סארטן קריטיש-וויכטיגע פראיעקטן. איך בין שטאלץ צו האבן געליפערט ביליאנען דאלארען אין פעדעראלע געלטער דורך דער אינפראסטרוקטור און דזשאבס געזעץ וואס וועט זיין נויטיג אויף צו פירן די אונטערנעמונגען אויף פאראויס אויפצולעבן קאמיוניטיס לענגאויס דעם סטעיט וועלכע זענען אזוי לאנג נאכגעלאזט געווארן.״

**סענאטארקע קירסטען דזשיליברענד האט געזאגט,** ״פילע הייוועי פראיעקטן לענגאויס ניו יארק סטעיט און דעם לאנד האבן דורכגעשניטן דורכ׳ן הארץ פון קאַמיוניטיס אָוו קאָלאָר, צוריסן געגנטער, ערזעצט איינוואוינער און אפגעשטעלט עקאנאמישע אנטוויקלונג. די היסטארישע אינוועסטירונג וועט אנהויבן דעם פראצעס פון צוריקדרייען די אומרעכטן. איך אפלאדיר גאווערנער האקול׳ס ארבעט און איך וועל ווייטער קעמפן ביים פעדעראלן שטאפל צו ברענגען פאר ניו יארק די הילפס-מיטלען נויטיג אויף צו אינוועסטירן אין אינפראסטרוקטור וואס ברענגט צונויף קאמיוניטיס און לעבט אויף אונזערע שטעט. מיר מוזן ווייטער קעמפן פאר א יושר׳דיגע ענווייראנמענטאלע און עקאנאמישע ערהוילונג פאר קאמיוניטיס וועלכע זענען היסטאריש ארויסגעלאזט געווארן.״

**קאנגרעסמאן ברייען היגינס האט געזאגט,** ״מען זאגט אז דער געבויטער סביבה איז נישט נייטראל, עס טוט אדער שעדיגן אדער היילן. טראנספארטאציע באשלוסן אין דער פארגאנגענהייט האבן חרוב געמאכט עיקערס פון אלמסטעד פארק-שטחים און צוריסן געגנטער. א דאנק דעם בליק און דער פירערשאפט פון גאווערנער קעטי האקול, זענען יענע טעג שוין פאריבער.  דורך ארבעטן אינאיינעם זענען מיר פארשפראכן נאכצוקומען דער מאראלישער התחייבות וואס ליגט בעפאר אונז צו פאררעכטן היסטארישע עוולות און מאכן די אינפראסטרוקטור אינוועסטירונגען וועלכע סערווירן צו פאראייניגן און פארשטערקערן קאמיוניטיס.״

**קאנגרעסמאן דזשאו מארעל האט געזאגט,** ״דאס איז א טראנספארמירנדע אינוועסטירונג וואס וועט פאראייניגן דאונטאון ראטשעסטער און פארשטערקערן אונזער שטאט צענטער אין א צייט ווען עס איז דאס מערסטע נויטיג בשעת מיר ערהוילן זיך פון די תוצאות פון דער קאָוויד-19 פאנדעמיע. דער ווידער-פארבינדן וועט אונז העלפן פאררעכטן די גרייזן פון פריערדיגע דורות וועלכע האבן נאר געדינט אויף צו ווייטער באזייטיגן אונטערסערווירטע קאמיוניטיס. פארענדיגונג פון דעם אינער-לופ פראיעקט איז שוין פון

לאנג אן געווען פאר מיר א גרויסער פריאריטעט, און איך בין דאנקבאר צו גאווערנער האקול פאר׳ן דאס ארייננעמען. איך קוק ארויס צו ארבעטן אינאיינעם צו בויען א מער יושר׳דיגע און ארייננעמיגע צוקונפט פאר׳ן שטאט ראטשעסטער.״

**סטעיט סענאטאר טים קענעדי, פארזיצער פון דער סענאט טראנספארטאציע קאמיטע, האט געזאגט,** ״נישט לאנג צוריק האב איך זיך אנגעשלאסן מיט קאנגרעסמאן ברייען היגינס, מאיאריטעט פירער פעאפלעס-סטאוקס, מעיאר בייראן בראון און די אומגלויבליכע ׳ריסטאר אַוואר קאמיוניטי׳ קאאליציע צו רופן פאר א פארשנעלערטער EIS פון דער 33. דאס איז געווען א פאראייניגטע פראנט: סטעיט, פעדעראלע, און קאמיוניטי צוזאמענארבעטער האבן גערופן פאר א נייעם בליק פאר דער קענסינגטאן עקספרעסוועי. היינט האט גאווערנער האקול געליפערט אויף יענע פארשריטן. ווען פעדעראלע און סטעיט געלטער זענען פאראן פאר אזעלכע פראיעקטן דארפן מיר זיין גרייט ארייינצושטעלן די שאָוועלס אין דער ערד. די שטודיע וועט אונז ברענגען איין טריט נאענטער צו דערגרייכן דעם ציל.״

**סטעיט סענאטאר שעאן רייען האט געזאגט,** ״די קאנסטרוקציע פון דער קענסינגטאן עקספרעסוועי דורך דער הארץ פון באפעלאו׳ס איסט סייד האט צוטיילט געגנטער און איזאלירט איינוואוינער, און דאס האט פאראורזאכט לאנג-אנהאלטנדע שאדנס צו דער קאמיוניטי, וועלכע זענען נאך אנגייענד איבער 50 יאר שפעטער. אזוי ווי ארבעט איבערצובייטן דער סקאדזשאקוואדא קארידאר ציעט זיך אויף פאראויס, שטיי איך מיט חשק זיך צו פרייען מיט דער היינטיגער מעלדונג איבער דעם צוקונפט פון דער קענסינגטאן עקספרעסוועי. די הייוועיס האבן געשעדיגט אונזער לאנדשאפט און חרוב געמאכט דעם בליק פון פרעדעריק לאו אלמסטעד. אויפריכטן דעלעוואר פארק און דער הומבאלדט פארקוועי און צוריק באהעפטן אונזערע געגנטער וועט זיין א היסטארישע זיג פאר באפעלאו. איך דאנק גאווערנער האקול פאר אנערקענען די וויכטיגקייט פון צוריק באהעפטן אונזערע קאמיוניטיס און פאר אויסניצן דער זעלטענער געלעגנהייט צו מאכן ענדערונגען וועלכע וועלן פארבעסערן די לעבנס פון באפעלאו איינוואוינער פאר פילע דורות אין דעם צוקונפט.״

**אסעמבלי מאיאריטעט פירער קריסטאל פעאפלעס-סטאוקס האט געזאגט,** ״דעקן רוט 33 איז א זעלטענע געלעגנהייט צו אדרעסירן די שאדן אויף דורות אנגעמאכט דורך דער קענסינגטאן עקספרעסוועי ווען עס האט איבערגעריסן און צוטיילט די מארטין לוטער קינג און העמלין פארק געגנטער. טעגליכע טראפיק פון 70,000 קאַרס האט נעגאטיוו באווירקט אויף איינוואוינער געזונט און אראפגעברענגט פראָפערטי ווערדן. אויפריכטן די קאמיוניטיס איז א נושא פון ראסע יוסטיץ, לעבנס-קוואליטעט, ענווייראנמענטאלע געזונטהייט, און קאמיוניטי אנטוויקלונג און אין דער זעלבער צייט וועט עס אויך אדרעסירן דער קענסינגטאן עקספרעסוועי׳ס אינפראסטרוקטור געברויכן. דאס וועט זיין א באדייטנדע טריט אויף צו פאראייניגן געגנטער און היילן וואונדען פון צענדליגע יארן. איך אפלאדיר און שעץ גאווערנער האקול׳ס פירערשאפט און שטיצע אין פאראייניגן אונזער 15-יעריגער באמיאונג צו אדרעסירן דער קענסינגטאן עקספרעסוועי / ROCC פראיעקט.״

**ערי קאונטי עקזעקיוטיוו מארק צ. פאלאנצארז האט געזאגט,** ״פאררריכטן די אינפראסטרוקטור גרייזן פון דער פארגאנגענהייט איז א גרויסע טריט צוריקצובאהעפטן קאמיוניטיס און פארבעסערן אונזער אלגעמיינע לעבנס-קוואליטעט. גאווערנער האקול׳ס פארגעשלאגענע סטעיט קאפיטאל פלאן וועט איבערקוקן די תוצאות און דער צוקונפט פון דער קענסינגטאן עקספרעסוועי אין באפעלאו, צו זוכן א וועג צו אויפריכטן באהעפטונג צו דעם היסטארישן הומבאלדט פארקוועי געגנט, פארגרינגערן נישט-אויטא טראפיק און צונויפצוברענגען מענטשן. איך דאנק גאווערנער האקול פאר איר בליק און ווילן אונטערצונעמען די וויכטיגע פראיעקטן, וועלכע וועלן האפנטליך פירן צו דער אויפריכטונג פון קאמיוניטיס לענגאויס אונזער גרויסער סטעיט.״

**באפעלאו מעיאר בייראן וו. בראון האט געזאגט,** ״איך דאנק גאווערנער האקול פאר אונטערצינדן דעם פראצעס צוריקצובאהעפטן די געגנטער, וועלכע זענען איבערגעריסן געווארן דורך דאס געבוי פון דער קענסינגטאן עקספרעסוועי. דאס איז א גרייכפונקט מאמענט אין אונזער לאנג-אנגייענדע אונטערנעמונגען צו שאפן איין אריינגנעמיגע און יושר׳דיגע שטאט באפעלאו. פיזיש צוריק באהעפטן די קאמיוניטיס וועט ברענגען ריזיגע סאציא-עקאנאמישע, זעבארע, סאציעלע און גייסטישע טובות פאר פילע קומענדיגע דורות.״

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418

זיך אויסשרייבן